**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/3/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האוקול אנאנסירט 3.38 מיליאן דאלער פאראן אויף אויסצוועלן געזונטע לעבן צו אדרעסירן געזונטהייט אומגלייכקייטן אין די שווארצע קאמיוניטי דורך דער שווארצער קירכע

***פינאנצירונג וועט שטיצן געזונט-אפהיטונג פראגראמען אנגעפירט דורך 20 קירכעס לענגאויס ניו יארק סיטי***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אנערקענט ׳טשוז העלטי לייף׳ פאר איר ארבעט דורכאויס דער פאנדעמיע פאר׳ן אנבאטן קאָוויד-19 טעסט׳ען און וואקסינאציע דורך איר שווארצע קירכעס לענגאויס די פינף באראס פון ניו יארק. ביי א פראגראם געהאלטן ביי ׳טשוז העלטי לייף׳ ׳פוירסט קארנטיען בעפּטיסט טשוירטש׳ אין הארלעם, די גאווערנער האט אנאנסירט אז דער פינאנץ-יאר 2023 ניו יארק סטעיט בודזשעט רעכנט אריין א באשטימונג פון 3.38 מיליאן דאלער פאר ׳טשוז העלטי לייף׳ צו אדרעסירן געזונטהייט אומגלייכקייטן און אדמיניסטרירן געזונט אפהיטונג פראגראמען אנגעפירט דורך 20 קירכעס. די אויסמעלדונג דורך דער גאווערנער שטעלט אין גאנג א ׳טשוז העלטי לייף׳ וויקענד פון ׳האפענונג און ערהוילונג׳ אין וועלכן, צווישן אנדערע, וועט ניו יארק סיטי מעיאר עריק אדאמס אנבאטן באמערקונגען ביי א קירכע סערוויס אום זונטאג, יוני 5׳טן ביי CHL׳ס ׳קארנערסטאון׳ באפטיסט קירכע אין ברוקלין.

״די פאנדעמיע האט אנטדעקט שרעקליכע העלטקעיר אומגלייכקייטן אין שווארצע קאמיוניטיס און היינט נעמען מיר קאנקרעטע שריטן צו פארמאכן די חסרונות און באקומען אויפפאסונג פאר די וועלכע נייטיגן זיך דערין דאס מערסטע,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״די פינאנצירונג וועט זיין קריטיש-וויכטיג אין העלפן אדרעסירן געזונטהייט אומגלייכקייטן אין אונטערסערווירטע קאמיוניטיס. איך דאנק ׳טשוז העלטי לייף׳ פאר זייערע באמיאונגען דורכאויס דער קאָוויד פאנדעמיע און איך קוק ארויס צו אונזער אנגייענדע צוזאמארבעטשאפט צו פארזיכערן הויכע קוואליטעט אויפפאסונג איז צו באקומען און צוטריטליך.״

״דער סטעיט׳ס פארשפרעכונג איז א טייל פון א פובליק-פריוואטע צוזאמארבעטשאפט וואס נעמט אריין פינאנצירונג שטיצע פון גרינדער שותף ׳קוועסט דיאגנאזטיקס פאנדעישען׳ אויפצונעמען די קירכע-באזירטע קאמיוניטי געזונטהייט ארבעטסקראפט וועלכע איז אוועקגעשטעלט געווארן אין ניו יארק און באשעפטיגט די אונטערסערווירטע קאמיוניטיס אין געזונטהייט אפהיטונג און וואוילזיין. א יסוד פון דעם וואוילזיין פראגראם וועט זיין דער אנהייב פון *׳בלופּרינט פאָר וועלנעס׳ שפּעטער* דעם זומער — און אויספירליכע געזונטהייט אונטערזוכונג וואס באזארגט מאכטפולע אינפארמאציע אויף ארויסצוהייבן פערזענליכע געזונטהייט שטארקייטן און ריזיקעס וועלכע וועלן שטיצן וויניג-געשטיצטע שווארצע קאמיוניטיס אין נעמען קאנטראל איבער זייער געזונטהייט.

**סטעיט סענאטאר קארדעל קליער האט געזאגט**, ״די אומגלייכקייטן אין העלטקעיר פאר דער שווארצער קאמיוניטי איז נישט קיין נייע אנטוויקלונג פאר אונז — און שריטן צו אדרעסירן די העלטקעיר אומגלייכקייטן וואס אונזער קאמיוניטי האט איבערגעלעבט זענען שוין פון לאנג נויטיג. עס פריידט מיך זיך

אנצושליסן מיט׳ן גאווערנער אין אויסמעלדן דעם איניציאַטיוו מיט דער שווארצער קירכע צו נעמען די באדייטנדע טריט אין אדרעסירן די ראסע אומגלייכקייטן אין אונזער העלטקעיר סיסטעם און איר ווירקונג אויף העלטקעיר תוצאות אין אונזער קאמיוניטי. די קירכע איז היסטאריש געווען א כסדר׳דיגע הילפס-מיטל פאר פירערשאפט, גייסטישע אנווייזונג, און אינפארמאציע אין די שווארצע קאמיוניטי. עס איז פאסיג אז דער איניציאַטיוו איז אין געמיינזאמע צוזאמארבעט מיט׳ן קירכע, איבערהויפט דורכאויס דער פאנדעמיע, בשעת מיר ארבעטן צו לייזן די פילע נסיונות וואס מיר שטייען אויס און נעמען נאך א טריט צו דער ערהוילונג און אויפריכטונג פאר אונזער קאמיוניטי.״

**מיט-פארזיצער פון CHL׳ס נאציאנאלע שווארצע קלעריקער געזונטהייט פירערשאפט קאונסיל און פרעזידענט פון דעם נאציאנאלן אקציע נעטוואָרק רעווערענד אל שארפטאן האט געזאגט,** ״מיר אפלאדירן דער גאווערנער פאר איר שטיצע פון די וויכטיגע איניציאַטיוו —און אויפגעווייזענע מוסטער וועלכע האט געצייגט אז לעבנס קענען געראטעוועט ווערן אין אונזער קאמיוניטי דורך די ארבעט פון אונזער קירכע-באזירטע קאמיוניטי געזונטהייט ארבעטסקראפט.״

**פאסטאר פון די אביסיניען באפטיסט קירכע און CHL מיט-פארזיצער רעווערענד קעלווין או. באטס דער דריטער האט געזאגט,** ״ ניו יארק נעמט א פירערשאפט ראלע לעגנאויס אונזער לאנד דורך פארשפרעכן הילפס-מיטלען פאר אונזערע שווארצע קירכעס דורך ׳טשוז העלטי לייף׳ צו אדרעסירן די געזונטהייט אומגלייכקייטן וועלכע האבן געפלאגט אונזער קאמיוניטי אויף צענדליגע יארן.״

**׳טשוז העלטי לייף׳ ניו יארק קלעריקער קאונסיל פירער רעווערענד זשאק דעגראף האט געזאגט,** ״היינט נעמען מיר א הויפט טריט צו געזונטהייט גלייכקייט אין אונזערע קאמיוניטיס. דורך דעם נעטוואָרק פון אנגעזעענע שווארצע קירכעס, טוט ניו יארק אוועקשטעלן א היסטארישע נאציאנאלע מוסטער פאר פארבעסערטע געזונטהייט תוצאות. די פיאנערישע באמיאונג וואלט נישט געקענט אויסגעפירט ווערן אן דאס פונדאסניי פארגעשטעלטע בליק וואס פאראייניגט גלויבן און וויסנשאפט.״

CHL האט אין אנהייב אוועקגעשטעלט א נעץ פון 50 שווארצע קירכעס אין פינף גרויסע שטעט — אריינגערעכנט ניו יארק —און געוואקסן צו 120 קירכעס לענגאויס 13 סטעיטס. די ערפאלג פון דעם פראגראם איז צענטערירט אויף דאס אוועקשטעלן א קאמיוניטי געזונטהייט ארבעטסקראפט אין דער שווארצער קירכע. אין איר ערשטן יאר האט CHL געהאלטן איבער 2,200 פארקומענישן, און אדמיניסטרירט איבער 90,000 קאָוויד-19 טעסטס און וואקסינאציעס דורך אירע קירכעס.

׳טשוז העלטי לייף׳ איז געגרונדעט געווארן דורך דעברא פרעיזער-האוזע און איז באזירט אויף די גאר ערפאלגרייכער מוסטער וואס זי האט געשאפן בשעת איר צייט בי דער נאציאנאלער שווארצער קאמיסיע אויף AIDS, אן ארגאניזאציע וואס זי האט געגרונדעט צו אדרעסירן די AIDS עפידעמיע אין שווארצע קאמיוניטיס מיט די ווייט-פארשפרייטע שטיצע פון קאמיוניטי פירער אריינגערעכנט העיזעל דוקס, פרעזידענט פון דעם ניו יארק סטעיט NAACP.

**CHL גרונדער דעברא פרעיזער-האוזע האט געזאגט,** ״מענטשן האלטן אין איין פרעגן, ׳ווען גייען מיר צוריק צו נארמאלקייט?׳ און איך זאג, ׳מיר גייען נישט צוריק צו נארמאלקייט. אין נארמאלקייט זענען מיר געשטארבן׳.״ מיר זענען עקסטרעם דאנקבאר צו די פובליק-פריוואטע צוזאמארבעטשאפטן וועלכע זענען אוועקגעשטעלט געווארן אויף צו שטיצן ׳טשוז העלטי לייף׳ וועלכע איז ווירקליך געווארן א נאציאנאלע באוועגונג. און די שטיצע פון דער גאווערנער, דער סטעיט ניו יארק און אונזערע קארפארעיט צוזאמארבעטער, אריינגערעכנט ׳קוועסט דיאגנאזטיקס׳, וואלטן מיר נישט געווען אין א פאזיציע צו אדרעסירן געזונטהייט אומגלייכקייטן אין אונזערע קאמיוניטיס.״

אלס א גרינדונג ספאנסירער, גיבט די ׳קוועסט דיאגנאזטיקס פאנדעישען׳ פינאנציעלע שטיצע צו אוועקשטעלן CHL׳ס קירכע-באזירטע קאמיוניטי געזונטהייט ארבעטסקראפט. אין צוגאב, ׳קוועסט דיאגנאזטיקס׳ האט בייגעשטייערט דיאגנאסטישע טעסטינג און אנדערע סערוויסעס צו CHL, אריינגערעכנט קאָוויד-19 הילפס-מיטלען און איצט געזונטהייט-אפהיטונג און וואוילזיין טעסטינג צו שטיצן די אונטערסערווירטע שווארצע קאמיוניטי.

**׳קוועסט דיאגנאזטיקס׳ CEO-ערוועלטער דזשים דעיוויס האט געזאגט,** ״מיר האבן געזען ערשטהאנטיג די אומפראפארציאנעלע ווירקונג פון קאָוויד-19 אויף דער שווארצער קאמיוניטי און די ריזיגע געזונטהייט אומגלייכקייטן עס האט אויפגעדעקט. מיר שטאלצירן זיך צו בויען אויף אונזער צוזאמארבעטשאפט מיט ׳טשוז העלטי לייף׳ צו העלפן ראטעווען לעבנס און פארבעסערן די געזונט פון די שווארצע קאמיוניטי. אונזער ציל איז צו פארברייטערן צוטריט צו העלטקעיר הילפס-מיטלען צו אדרעסירן הויפט אומגלייכקייטן וועלכע האבן שוין אויף צו לאנג באווירקט אויף די שווארצע קאמיוניטיס.״

אין נאוועמבער 2020, האט ׳טשוז העלטי לייף׳ אוועקגעשטעלט נאציאנאלע שווארצע קלעריקער געזונטהייט פירערשאפט קאונסיל צו העלפן אנפירן דעם פראגראם. רעווערענד באטס דער דריטער און רעווערענד שארפטאן וועלן זיין מיט-פארזיצער פון דעם קאונסיל וואס נעמט אריין רעווערענד דעגראף און יו-עס סענאטאר רעווערענד ראפאעל ווארנאק וועלכער פירט אן די ארבעט אין אטלאנטע. אין צוגאב צו ניו יארק און אטלאנטע, איז דער פראגראם אוועקגעשטעלט אין קירכעס אין דעטרויט (רעווערענד הארעס שעפילד, ניו דעסטיני קריסטשען פעלאושיפ), נואווארק (רעווערענד דעיוויד דזשעפערסאן, מעטראפאליטען באפטיסט) און וואשינגטאן די-סי (רעווערענד פרענק טאקער, ׳פוירסט באפטיסט טשורטש׳)

CHL האט צוזאמגעברענגט ארטיגע ׳יונייטעד וועי׳ אגענטורן אונטער די ׳יונייטעד וועי׳ פון ניו יארק סיטי וועלכס סערווירט אלס דאס איינפירן צוזאמארבעטער פאר ׳טשוז העלטי לייף׳. די קירכעס און די אגענטורן ארבעטן אינאיינעם מיט ארטיגע העלט דעפארטמענטס, שפיטעלער און קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס צו פארזיכערן צוטריט צו העכסט-נויטיגע געזונטהייט סערוויסעס.

**׳יונייטעד וועי׳ פון ניו יארק סיטי צווישנצייטיגע CEO עריק מעקדאנעל האט געזאגט,** ״די פינאנצירונג איז קריטיש-וויכטיג פאר אונזער ארבעט אין לייזן ראסע אומגלייכקייטן אין העלטקעיר. מענטשן פון קאלירטע אפשטאם זענען די שווערסטע באטראפן געווארן דורך דער קאָוויד-19 פאנדעמיע, און דאס האט אויפגעדעקט די געברויך פאר העכסט-נייטיגע געזונטהייט רעסאָרסן ביי דער קאמיוניטי שטאפל. ארבעטן מיט אונזער שטאט׳ס שווארצע קירכעס און קלעריקער, האבן מיר אוועקגעשטעלט א צוטרויליכער מקור פאר קאָוויד-19 טעסט׳ען און וואקסינאציעס אינערהאלב אונזערע קאמיוניטיס און וועט אונז ווייטער העלפן אויסשולן, אינפארמירן, און אדוואקירן פאר די וואוילזיין פון מענטשן פון קאלירטע אפשטאם דאהי אין אונזער קאמיוניטי.״

קריטיש-וויכטיג צו די ערפאלג פון ׳טשוז העלטי לייף׳ איז געווען דאס צוזאמברענגען סיי גלויבנס און סיי מעדיצינישע וויסנשאפט אינאיינעם צו פארזיכערן אז אקוראטע און צייטליכע אינפארמאציע און בילדונג ווערט געליפערט צו איר קירכע-באזירטע געזונטהייט קאמיוניטי געזונטהייט ארבעטסקראפט. צו דעם צוועק האט CHL אן אוועקגעשטעלטע מעדיצינישע בארATונג באורד וואס רעכנט אריין געוועזענע CDC דירעקטאר און NYC געזונטהייט קאמיסיאנער דר. טאָם פריעדען, געוועזענע יו-עס געזונטהייט און מענטשן סערוויסעס סעקרעטאר און פרעזידענט עמעריטוס פון ׳מארהאוס׳ מעדיצינישע שולע דר. לואיס סוליוואן, די ערשטע פרוי דאקטאר אין די יו-עס הויז פון רעפרעזענטעטיווס דר. דאָנע קריסטענסען (1997-2015), געוועזענע וואשינגטאן די-סי געזונטהייט קאמיסיאנער דר. ריד טאקסאן, געוועזענער פארזיצער פון דעם ווייסן הויז געזונטהייט גלייכקייט טעסק-פאָרס דר. מארסעלא נונעז-סמיט און

הארוואַרד מעדיצינישע שולע פעלאָושיפּ טרענירטע גראַבקייט מעדיצין ספּעציאַליסט דר. פאַטימא קאָודי סטענפאַרד.

CHL פינאַנצירונג קומט פון פּובליק / פּריוואַטע צוזאַמענאַרבעטשאַפטן וואָס רעכענט אַריין גרינדונג צוזאַמענאַרבעטער ׳קוועסט דיאַגנאַזטיקס פאַנדעישען׳, ׳ריזאַלוו טו סעיוו לייווס׳, ׳סיעמענס פאַנדעישען׳, ׳נאַוואָ נאָרדיסק׳, די געזונטהייט רעסאָרסן און סערוויסעס אַדמיניסטראַציע (HRSA) און איצט די סטעיט ניו יאָרק.

**איבער ׳טשוז העלטי לייף׳**
[׳טשוז העלטי לייף׳](#) (CHL) איז אַ שוואַרצע קירכע איניציאַטיוו וואָס פאָרזיכערט אַז קירכעס — די עלצטע און מערסט צוטרויליכע אינסטיטוציעס אין די שוואַרצע קאַמיוניטי — באַקומען די נייטיגע שטיצע-מיטלען, טרענירונג, און שטיצע צו אַדרעסירן קאָוויד-19, אַנדערע געזונטהייט אומגלייכקייטן און צו ליפערן געזונטהייט אַפּהיטונג פּראָגראַמען. CHL האָט אין אָנהייב אַוועקגעשטעלט אַ נעץ פון פופציג (50) שוואַרצע קירכעס אין פינף גרויסע שטעט — אַריינגערעכנט ניו יאָרק —און געוואַקסן צו 120 קירכעס לענגאויס 13 סטעיטס. די ערפאָלג פון דעם פּראָגראַם איז צענטערירט אַרום דאָס אַוועקשטעלן אַ גלויבנס-באַזירטע קאַמיוניטי געזונטהייט אַרבעטסקראַפט אין דער קירכע. אין איר ערשטער יאָר האָט CHL געהאַלטן איבער  פּאַרקומעניש, און אַדמיניסטרירט איבער 90,000 קאָוויד-19 טעסטס און וואַקסינאַציעס דורך אירע קירכעס.

###

נאָך נייעס קען מען באַקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יאָרק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

[זיך אויסשרייבן](#)